# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ״ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה** בת **יעקב יהודה** ע״ה

### פרשת תולדות

## פארליר זיך נישט!

יענקי איז געווען גוט אויפגעלייגט. נישט נאר האט ער געוואונען די מתמידים פארמעסט, נאר זיין זיידע האט אים אויך באלוינט דערפאר. א נייע בייק! א בייק וואס איז זיין אייגענע, א גוטע בייק וואס פארט א מחי׳. נישט פאר די בייק האט יענקי זיך אריינגעשריבן אין די מתמידים פראגראם און אריינגעלייגט פולע שעות לערנען און איבערחזר׳ן, ער האט אמתדיג געשפירט א סיפוק אין לערנען די גמרא. אבער אז ער האט נאך באקומען א בייק אומגעראכטן, נו, האט זיך עס אים צוויי מאל געלוינט. זיין זיידע האט געוואלט האבן די זכי׳ צו זיין א חלק פון יענקי׳ס לערנען, האט ער אים געקויפט די בייק אז ער זאל קענען קומען און גיין צו מתמידים דערמיט.

גייענדיג צו חדר די נעקסטע צופרי האט יענקי זיך גאר גוט געשפירט. ׳אה, האט ער געטראכט, איך קען שוין נישט ווארטן צו ניצן מיין בייק. ווארט נאר ביז מיין חברים וועלן זעהן׳ האט ער געטראכט.

אין חדר יענע טאג האט יענקי געהערט א דבר תורה פון זיין רבי. ״אין די פרשה די וואך זאגט אונז די פסוק אז עשו איז צוריקגעקומען פון פאנגען חיות אין וואלד, און ער איז געווען ״עָיֵף״. ״עָיֵף״ מיינט מיד, אויסגעמאטערט, מוטלאז. ער איז געווען טרויעריג ווייל זיין זיידע, אברהם אבינו, איז נפטר גאווארן.

אין דעם צושטאנד איז עשו געווען ווען ער האט געזען אז זיין ברודער יעקב קאכט א פיינע לינזן זופ. ער איז געווען הונגעריג און אויסגעמיטשעט. דערפאר האט ער געמאכט א פארקויף - די בכורה! ער האט פארקויפט די בכורה פאר אביסל לינזן זופ!

אבער יענע פארקויף וואס ער האט געמאכט ווען ער איז געווען הונגעריג און מאכטלאז איז געווען די אנהייב פון זיין מפלה. ער האט געמאכט א שלעכטע טעות, אלעס ווייל ער איז געווען אויסגעמיטשעט און הונגעריג און ער האט געוואלט די עסן. אבער אוועקצוגעבן די בכורה דערפאר? עס איז נישט עפעס וואס ער וועט קענען צוריקנעמען. וואס האט ער געטראכט?״ האט די רבי געפרעגט?

״ער האט טאקע נישט געטראכט״ האט די רבי געזאגט. ״ווייל עס קען געשען אז א מענטש טרעפט זיך אין א שווערע מינוט, און ער טוט א נארישע זאך וואס ער וואלט זיך געדארפט צוריקהאלטן דערפון. דאס איז וואס די פסוק קומט אונז צו לערנען. מען זאל זיין געווארענט אז אין א שוואכע מאמענט, פון הונגער, אדער מידקייט, צוטראגן אדער אויפגערעגט, זאל מען זיך נישט לאזן זיך באנארישן! האלט זיך פעסט! זיי נישט ווי עשו וואס האט געלאזט א שלעכטע בשורה באהערשן זיין מח!״

יענקי האט געטראכט וועגן די דבר תורה. ווער וואלט זיך יא געלאזט אזוי באנארישן?

נאך חדר האט יענקי געגעסן א פיינע נאכטמאל. ״א גוטן אווענט, מאמי״ האט ער געזאגט. ״איך גיי צו מתמידים.״

אודאי איז ער געלאפן נעמען זיין נייע בייק, און ער איז געפארן צו מתמידים. ׳אה, א מחי׳ האט ער געטראכט. אנקומענדיג צו בית המדרש האט ער צוגעבינדן זיין בייק צו א בוים און איז געגאנגען לערנען.

נאכ׳ן לערנען איז ער ארויס און צוגעלאפן צום בוים, אבער.... וואו איז די בייק? וואו האב איך עס געלאזט?

ווען יענקי האט געזען די די צובראכענע שלאס אויפ׳ן ערד נעבן די בוים, האט ער פארשטאנען. זיין נייע בייק וואס זיידי האט אים געקויפט איז געגנב׳עט געווארן. געגנב׳עט. זיין נייע בייק. פון זיידי. פאר מתמידים. געגנב׳עט. גענוצט איין מאל, און שוין. פארטיג. ער האט מער נישט א בייק.

יענקי האט עס פשוט נישט געקענט גלייבן. ער האט געשפירט ווי די וועלט האט זיך געענדיגט. ׳פארוואס איז דאס געשען צו מיר? צו איז עס יושר? מיט די בייק האב איך געדארפט צו גיין לערנען די הייליגע תורה! איך האב מיך אונטערגענומען צו לערנען ביינאכט ביי די מתמידים פראגראם אפילו נאך א גאנצע טאג לערנען אין חדר. און יעצט, גארנישט. נישט קיין בייק, אפשר אויך נישט קיין מתמידים? וואס פעלט עס מיר אויס? איך לערן גענוג דורך די טאג. פארוואס דארף איך עס?׳

צוטומעלט און אויפגערעגט איז יענקי אנגעקומען אהיים. די וועג ווי אזוי ער האט שטארק פארקלאפט די טיר האט דערשראקן זיין טאטע און מאמע.

״וואס איז געשען?״ האט זיין מאמע געפרעגט.

יענקי האט אנגעפאנגען וויינען און דערציילט אז ער ווייסט נישט אויב ער קען אנהאלטן די מתמידים. איך האב שוין נישט א בייק. פארוואס דארף איך זיך אזוי אנשטרענגען?״

זיין טאטע האט אים געלאזט זיך אויסוויינען און געבליבן שטיל פאר א ווילע. ווען ער האט זיך בארואיגט האט זיין טאטע אים געפרעגט ״יענקי, די בכורה האט עשו פארקויפט פאר א טעלער לינזן זופ. וואס פארקויפסטו דיין מתמידים פאר?״

יענקי האט גוט געדענקט די דבר תורה ער האט געהערט פון זיין רבי, און ער האט פארשטאנען. ער האט פארשטאנען אז עס איז די יצר הרע אין אים וואס וויל ער זאל אויפגעבן לערנען די תורה הקדושה. און ער האט געוואוסט אז אויב ער וועט זיך לאזן פון די יצר הרע וועט ער גיין אין די וועגן פון עשו, חלילה. בארג אראפ. ער האט זיך געוואלט שטארקן.

״טאטי, איך פארשטיי. יעדע מינוט פון לערנען די תורה הקדושה איז ווערט מער ווי אלע בייקס, געלט אדער מתנות. עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס איך וויל אויפטוישן די זכותים פאר! יא בייק, נישט בייק, איך גיי צו מתמידים!״

יענע נאכט האט יענקי זיך געשפירט ווי אן אמת׳ן גבור. ער האט נישט געלאזט אז אן אומבאקוועמע געשעעניש מיט אויפגערעגטע געפילן זאלן באהערשן זיין מח. ער האט זיך געשטארקט איבער עס! ער האט זיך געלייגט שלאפן מיט די זיסע טעם פון נצחון, די טעם וואס נאר איינער וואס גייט אין די וועגן פון די תורה איז זוכה צו שפירן!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860